# פרשת וארא כ"ב – כ"ח טבת תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת וארא***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות דברים הנוהגים בסעודה סימן קע"ח סעיף ה') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה פארציילט די תורה, ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד, ווען יודען זענען געקומען קיין מצרים, האבען זיי זיך פארמערט, ותמלא הארץ אותם (שמות א-ז), גאנץ מצרים איז פול געווארן פון יודען. אין די הגדה זאגט מען א פסוק פון נביא (יחזקאל טז-ז), רבבה כצמח השדה נתתיך. דער פשוטער פשט איז, 'רבבה', עס זענען געווען אין מצרים צענדליגער טויזנטער, 'כצמח השדה נתתיך', איך האב דיר דארט געמאכט כצמח השדה, וואס צמח השדה האט נישט קיין שיעור וויפיל עס איז, אזויפיל יודען זענען געבוירן געווארן אין מצרים. [ווען איך האב נאכגעקוקט דעם פסוק, האב איך געזעהן א דבר פלא, אז דער מצודת טייטשט, אז ווי עס שטייט רבוא, איז עס איין מאל צען טויזנט. און ווי עס שטייט רבבה, מיינט עס צענדליגער טויזנטער. דאס איז טייטש אז ווען דער פסוק (במדבר י-לו) זאגט, רבבות אלפי ישראל, איז רבבה אליין מיינט נישט צען טויזנט, נאר עס מיינט צענדליגער טויזנטער]. און מען דארף פארשטיין, ווייל עס איז נאר געווען ילדו ששה בכרס אחד, עס האט געהאט א מספר. און עס האט געהאט א שיעור וויפיל מענטשען האבן געקענט אנפילן מצרים. מער וויפיל מצרים איז גרויס, האבן מענטשען נישט געקענט אריינגיין אינוויינינג. קען דאך נישט זיין אז עס זאל זיין כצמח השדה.

**איך** האב געטראכט, עס איז דא א פסוק (הושע ו-ב), הושע זאגט, יחיינו מיומים, געב אונז לעבן פון צוויי טאג, ביום השלישי יקימנו ונחיה לפניו, דעם דריטן טאג זאלן מיר זיך קענען האלטען און לעבן פאר דיר. ונדעה נרדפה לדעת את ה' וגו', און מיר זאלן וויסן ווי אזוי נאכצויאגן דעם אייבערשטען, ויבוא כגשם לנו, און דער אייבערשטער זאל קומען צו אונז אזוי ווי גשם. עס איז א שווערער פסוק, וואס מיינט דער פסוק מיט יחיינו מיומים, ביום השלישי יקימנו, אויף וואס גייט עס ארויף. די מפרשים אויפן פלאץ זאגן, אז עס גייט ארויף אויפן בית המקדש. יחיינו מיומים, גייט ארויף אויף די ערשטע צוויי בתי מקדשים, ביום השלישי, איז די דריטע בית המקדש (ועיין ראש השנה לא.).

**איך** האב געטראכט, מען ווייסט אז די חשיבות פון תפלה איז זייער גרויס. ווען א מענטש דארף עפעס, דארף ער מתפלל זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען. תפלה איז מקרע גזר דינו של אדם, אפילו עס איז דא א גזר דין אויף א מענטש, און עס איז שוין געחתמ'ט דער גזר דין, האט א מענטש א כח צוצורייסן א גזר דין מיט תפלה (ראש השנה טז:). מען דארף נישט קיין גרעסערע ראיה פון מצרים, וואס עס איז געווען א גזר דין, ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה (בראשית טו-יג), און די תורה דערציילט, ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו, ותעל שועתם אל האלקים (שמות ב-כג), און דער באשעפער האט גערופן צו משה רבינו, אז ער גייט ארויסנעמען יודען. זעהט מען דעם כח וואס תפלה האט.

**ביי** די בריאה זעהט מען אויך דעם כח פון תפלה. ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער דעם דריטן טאג באשאפן די צמח השדה. שטייט אין פסוק (בראשית א-יא), אז דער באשעפער האט געזאגט, תדשא הארץ דשא עשב מזריע זרע, עץ פרי עושה פרי למינו וגו'. ותוצא הארץ דשא, עס איז אלעס ארויסגעקומען דעם דריטן טאג. פרייטאג, נאכדעם וואס אדם הראשון איז שוין באשאפן געווארן, זאגט דער פסוק (שם ב-ה), וכל שיח השדה טרם יהיה בארץ, וכל עשב השדה טרם יצמח, עס האט נאכנישט געשפראצט די שיח השדה, פארוואס, כי לא המטיר ה' אלקים על הארץ, דער באשעפער האט נאכנישט געגעבן קיין רעגן, ואדם אין לעבוד את האדמה, און עס איז נישט געווען דער מענטש וואס זאל בעארבעטן די פעלדער. זאגט רש"י, וואס הייסט אז עס איז געווען טרם יצמח, עס איז נישט געוואקסען, עס שטייט דאך אויבן ותוצא הארץ, דער ערד האט ארויסגעגעבן. זאגט רש"י, עס איז נישט ארויסגעקומען. אלעס איז געשטאנען על פתח קרקע, אלעס איז געשטאנען ביי די עפענונג פון די

ערד, און עס איז נישט ארויסגעקומען. שפעטער ווען אדם הראשון האט מתפלל געווען אז עס זאל קומען רעגן, דעמאלטס איז עס ארויסגעקומען. און דאס איז דער פשט אין פסוק, פארוואס איז געווען טרם יצמח, ווייל לא המטיר ה' אלקים על הארץ, דער אייבערשטער האט נישט געגעבן קיין רעגן. פארוואס האט דער אייבערשטער נישט געגעבן קיין רעגן, ווייל ואדם אין לעבוד את האדמה, עס איז נאכנישט געווען דער מענטש וואס זאל מכיר זיין אין די טובה פונעם רעגן, אז ער זאל מתפלל זיין און בעטן דערויף. ווען אדם הראשון האט מתפלל געווען, ער האט געבעטן אז עס זאל קומען רעגן, איז תיכף אלעס ארויסגעקומען.

**זעהט** מען דאך, אז דער באשעפער האט באשאפן א וועלט, מיט מיליאנען ברואים, אלע בעלי חיים פון קליין ביז גרויס, בהמות חיות עופות, און עס איז נישט געווען קיין גראז וואס מען זאל קענען עסן, די גאנצע וועלט איז געווען ערד. און עס האט אנגעהאלטן דריי טאג, מיטוואך דאנערשטאג און פרייטאג ביז אדם הראשון האט מתפלל געווען, אזוי לאנג איז נישט געווען קיין גראז אויף די ערד. וכל עשב השדה טרם יצמח, עס איז נישט געוואקסען. עסן איז דאך די חיות פון די וועלט, אבער אז עס איז נישט דא קיין תפלה, איז נישט דא גארנישט. ווילאנג אדם הראשון האט נישט געבעטן דערויף, אז עס איז נישט דא קיין תפלה, איז נישט געקומען. אלעס קען זיין גרייט, אלעס שטייט על פתח קרקע, אויב דו וועסט מתפלל זיין, וועט עס ארויסקומען. זעהט מען דעם כח התפלה, אז דער אייבערשטער האט באשאפן א וועלט, און ער האט געווארט אז מען זאל קענען נהנה זיין דערפון, ביז אדם הראשון וועט מתפלל זיין דערויף[א].

---

[א] נעתיק בזה שיחת קודש בעת ביקור **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** אצל **רבינו שליט"א** ביום ה' פרשת נצבים העעל"ט:

**רבינו:** עס האט מיר דעם שבת געבורזשעט א קשיא. רש"י (בראשית ב-ה) זאגט, אז דער צומח איז הערשט ארויסגעקומען פרייטאג, ווען אדם הראשון האט מתפלל געווען. נו, דאנערשטאג זענען באשאפן געווארן די עופות, און פרייטאג צופרי אלה בהמות און חיות, און די אלע האבן געהונגערט ביז אדם הראשון האט מתפלל געווען?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער אייבערשטער קען זיי נישט זעטיגן איין טאג? זיי זענען דאך באשאפן געווארן לדעתם ולצביונם, פארטיג מיט אלע כוחות.

**רבינו:** עס איז געווען א שינוי אין די בריאה? עס איז געשעהן א נס?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס קען זיין, אז א קינד פון די אלע בהמות חיות ועופות, עסן נישט תיכף.

**רבינו:** א עוף ווערט נישט הונגעריג, אויב ער האט נישט א טאג צו עסן?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס קען זיין, אז די קליינע עופה'לעך, עסן נישט אינעם ערשטען טאג, נאר זיי זייגען. איך ווייס נישט, איך בין נישט זיכער. זיי זענען אסאך מאל נאכנישט אנטוויקלט, אז זיי זאלן קענען עסן.

**רבינו:** זיי זענען דאך באשאפן געווארן געהעריג.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** יא, דאס איז אמת. עס איז טאקע א תמיה.

די לשון אין די גמרא (חולין ס:) איז, עמדו על פתח קרקע. קען זיין, אז זיי האבן געקענט אריין גריבלען אין די ערד, און אזוי עפעס עסן דערפון.

דער פשוט'סטער סברא איז, אז דער אייבערשטער האט געמאכט אז זיי זאלן נישט זיין הונגעריג. ער האט זיי אזוי אנגעזעטיגט ווען זיי זענען געבוירן, אזוי ווי עס שטייט ביי אליהו (מלכים א יט-ח), וילך בכח האכילה ההיא ארבעים יום וארבעים לילה.

די מפרשים זאגן, אז עס איז א חילוק פון משה רבינו ביז אליהו. משה רבינו האט נישט געגעסן פערציג טאג, און אליהו הנביא האט אויך נישט געגעסן פערציג טעג. אבער אליהו האט זיך אנגעגעסן מיט אזא כח, אז עס האט אים געזעטיגט. די עסן האט אים געהאלפן. אבער משה רבינו האט געגעסן פאר דעם א פשוטע סעודה, און ער האט נישט געדארפט עסן פערציג טאג. ער איז געווען אין הימל, דאס איז א צווייטע זאך, אזלת לקרתא הלך בנימוסה (שמו"ר מז-ו).

און וואס האסטו געטראכט?

**רבינו:** איך האב געטראכט, עפעס ענליך איז דא א ווארט פונעם **ערשטען בעלזער רב זי"ע** (הובא **בקול יעקב**). אז בשעת זיי זענען באשאפן געווארן, האט נאך קיין שום בעל חי נישט געהאט קיין אפעטיט צום עסן. און פארוואס טאקע? ווייל עס איז נישט געווען וואס צו עסן. ווען דער אייבערשטער האט געזאגט, הנה נתתי לכם את כל עשב זורע זרע וגו', לכם יהיה לאכלה, ולכל חית הארץ ולכל עוף השמים (בראשית א-כט), פון יעצט אן וועט עטץ דארפן האבן די פרי העץ צו עסן, ויהי כן, יעצט איז געווארן די 'לאכלה'. עס איז נישט אריינגעגעבן געווארן אין זיי הונגער, און די תאוה צו עסן, ביז א טאג שפעטער.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס שטייט אין **הפלאה** (בספר **המקנה** קידושין פב.), אז אלעס ווערט נתעלה. דער דומם ווערט נתעלה אינעם צומח, דער צומח אינעם חי, און דער חי אינעם מדבר. עס קען זיין, אז דעמאלטס האט נאכנישט אויסגעפעלט א עילוי, ממילא, אזוי ווי דער מענטש האט נישט געהאט קיין רעכט צו הרג'ענען א בעל חי, ביז שפעטער נאכן מבול, איז הוא הדין דעם צומח הרג'עט מען אויך ווען מען עסט עס, און מען האט נישט געהאט קיין רעכט דערויף. אבער נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אדם הראשון, און אלע צמחים מוזן אנקומען צו אדם הראשון, כדי אלע

**יחיינו**, מיר קענען נעמען חיות, מיומים, פון די צוויי טעג וואס מען האט געדארפטווארטען ביז עס איז ארויסגעקומען די צמח השדה. עס איז באשאפן געווארן דינסטאג, אבער מיטוואך און דאנערשטאג איז נישט געווען, נאר ביום השלישי, ווען עס איז געקומען דער דריטער טאג, דעמאלטס יקימנו ונחיה לפניו, דעמאלטס האבן מיר באקומען פירות, אז מען זאל זיך קענען אויפהאלטן און לעבן אויף די וועלט. פארוואס האט דער אייבערשטער אזוי געטון, ווייל ונדעה נרדפה לדעת את ה', כדי מיר זאלן וויסען פון דעם ווי אזוי מיר דארפען מתפלל זיין צום אייבערשטער. ויבוא כגשם לנו, ווען דער אייבערשטער קומען צו אונז, אזוי ווי יענער גשם וואס האט געדארפט ארויסנעמען אלעס, און עס איז נישט געקומען ביז אדם הראשון האט מתפלל געווען דערויף, אזוי זאל מען וויסען, אז אלעס קען זיין גרייט, דער באשעפער קען געבן ווי אזוי ער וויל, אבער דער באשעפער גיט נאר דעמאלטס ווען א מענטש איז מתפלל. ווען ער איז מתפלל, קען אין איין רגע ארויסקומען אלעס פון די ערד, אלעס שטייט על פתח קרקע, אלעס איז צוגעגרייט. מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה (ביצה טז.), עס איז אלעס צוגעגרייט, אבער מען דארף מתפלל זיין, ווייל אז נישט, וועט עס נישט אנקומען. אז מען איז מתפלל, העלפט דער אייבערשטער און מען באקומט עס תיכף.

**יודען** זענען געווען אין מצרים, און מען האט געווארט אויף די גאולה. עס איז געווען אנגעשריבן ארבע מאות שנה, און נאר דער כח התפלה וואס מען האט מתפלל געווען, דאס האט געהאלפן. זאגט דער פסוק, 'רבבה', די צענדליגער טויזנטער וואס זענען געווען אין מצרים, וואס דער אייבערשטער האט ארויסגענומען ששים רבוא פון מצרים, 'כצמח השדה נתתיך', האב איך דיר געלייגט דארט אזוי ווי דער צמח השדה. פונקט ווי דער צמח השדה איז אלעס געווען גרייט, אבער ביז מען האט נישט מתפלל געווען, אזוי לאנג איז עס נישט געווען. אזוי איז געווען אין מצרים, ווען יודען האבן מתפלל געווען, דעמאלטס איז געקומען די ישועה.

**דאס** איז דער געוואלדיגער כח פון תפלה, א יוד דארף מתפלל זיין און בעטן פונעם אייבערשטען, און דעמאלטס העלפט דער באשעפער. עס שטייט אין **רמב"ן** (שמות ד-י), אז משה רבינו איז געווען א כבד פה, ער האט נישט געקענט רעדן. און ער האט געזאגט פארן אייבערשטען אז ער קען נישט גיין רעדן, ואני ערל שפתים (שם ו-יב). דאס איז א פראבלעם? דער אייבערשטער קען דאך אים אויסהיילן אין א סעקונדע, ער זאל קענען רעדן. פארוואס האט דער אייבערשטער נישט געהיילט משה רבינו? זאגט דער **רמב"ן**, ווייל משה רבינו האט נישט מתפלל געווען דערויף! משה רבינו האט נישט געבעטן, ווייל ער האט נישט געוואלט גיין, ער האט געקענט באשטיין צו האבן א תירוץ אז ער איז א כבד פה. זאגט דער **רמב"ן**, אז מען בעהט נישט, גיט מען נישט. אז משה רבינו האט נישט מתפלל געווען, איז ער געבליבן א כבד פה כל ימיו. דאס איז די חשיבות פון תפלה. ווען א יוד דאווענט, איז עס דער אייבערשטער מקבל לרחמים ולרצון.

*

אחר מעריב התקיים בחדר **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **הלל פישמאן** הי"ו.

*

***יום שני פרשת וארא***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מאנדעל שיחיו, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **אביגדור שמואל מאנדעל** הי"ו).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת האירוסין של הר"ר **לוי יצחק קאהאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אהרן דאמיניץ** הי"ו (אנטווערפן), שהתקיים בבית אביו הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו.

---

זאלן נתעלה ווערן, האט דער באשעפער מתיר געווען, אז דער בעל חי זאל עסן דעם צומח. ווען דער בעל חי אליינס עסט דעם צומח, איז עס נאכנישט אזא גרויסע עילוי, אבער אז דערנאך עסט דער מענטש אויף דעם בעל חי, דעמאלטס איז עס די העכסטע עילוי.

**רבינו:** די לעצטע עילוי איז הערשט געווארן ביי נח, אז ער קען עסן בעלי חי?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אדם הראשון האט טאקע נישט געקענט 'הרג'ענען' קיין בעל חי, אבער ער האט געמעגט עסן א נבילה, און אלעס זאל נתעלה ווערן.

***יום שלישי פרשת וארא***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לפלעטבוש לניחום אבלים אצל משפחת שעכטער שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר ישראל שלמה שעכטער ע"ה).

משם נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הלויה של הר"ר **חיים לייב אייזיקאוויטש** ע"ה, שהתקיים לפני בית המדרש סערדאהעלי.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן ש"ב בת הרב **מרדכי ווייס** שליט"א, עב"ג בן **האדמו"ר מבאסטאן בית שמש שליט"א**, שהתקיים באולם רענעסאנס.

*

***יום רביעי פרשת וארא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הרב **משה יעקב פישער** שליט"א. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר התפלה שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **מרדכי אליעזר יואל פאשקעס** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש פאפא.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **יוסף בוכינגער** הי"ו (חתן הרה"ג רבי **בנימין פאפלאנאש** שליט"א), שישב שבעה על פטירת בתו הילדה ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**הר"ר בנימין:** רש"י זאגט די וואך, חבל על דאבדין.

**רבינו:** עס איז א גזירה מן השמים.

**הר"ר יוסף:** די וויענער סקול איז געווען א חלק פון די משפחה, עס איז נישט נאר געווען אז זי האט געלערנט דארט, די סקול האט אסאך צוגעגעבן, מען קען זיך נישט פארשטעלן.

**הר"ר בנימין:** די איבערגעגעבנקייט פון די מוסדות איז געווען אויסערגעוועונליך. אנדערש וואלט מען נישט געקענט. פול מיט הארץ. מען האט געפילט ווי איין משפחה.

**הר"ר בנימין:** ווי אזוי פירט מען זיך מיט דאווענען, מען זאל דינגען איינעם?

**רבינו:** אזוי פירט זיך די וועלט.

**הר"ר בנימין:** עס קען זיין א זיידע?

**רבינו:** נישט עלטערן.

איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז ער איז אמאל געווען מנחם זיין צוזאמען מיט זיין זיידען דער **שאמלויא'ער רב זצ"ל**, ביי א פלאץ ווי א קינד איז אוועק. און דער שאמלויא'ער רב האט געזאגט, [אפשר האט ער עס נאכגעזאגט פון פריערדיגע], אז אמאל איז דא א נשמה וואס האט זיך משלים געווען אינעם פריערדיגען גלגול אלעס וואס האט אויסגעפעלט, אבער דער יוד האט געהאט איין פגם, אז ער איז געבוירן געווארן נישט ביי ערליכע עלטערן, און די חלק קען ער נישט מתקן זיין. קומט ער אראפ אויף די וועלט אויף אפאר יאר אין א ערליכע שטוב, און ווען ער קומט אן צו זיין הדרגה וואס ער האט זיך משלים געווען, גייט ער אוועק פון די וועלט, ווייל די איבריגע האט ער שוין משלים געווען אינעם פריערדיגן גלגול, און דאס דארף ער נישט איבערגיין, ער דארף נאר משלים זיין די קורצע צייט (עיין **בתולדות קול אריה** בהוספות דף ל"א).

**הר"ר יוסף:** מען דערציילט נאך אז דער **חזון איש זצ"ל** איז אוועק פרייטאג צו נאכטס. און דעם לעצטן טאג איז ער געגאנגען באגלייטן א נפטר, א בחור. האט ער געזאגט, אז איינער וואס גייט אוועק יונג, האט א הויכע נשמה וואס איז אראפגעקומען דא זיך משלים זיין, דארף מען עס באגלייטן (עיין **במעשה איש** ח"א דף רמ"ו).

**הר"ר בנימין:** די גמרא (עבודה זרה ג:) זאגט, אז דער רבונו של עולם לערנט מיט די קינדער וואס זענען אוועק יונג. האט איינער געזאגט, אז עס איז טאקע א גוטע מוסד, אבער עס איז א טייערע שכר לימוד.

**רבינו:** עס איז דא א עקסטערע שעה וואס דער באשעפער לערנט מיט תינוקות של בית רבן. איך ווייס נישט צו ביי מיידלעך איז אויך אזוי.

**הר"ר יוסף:** היינט לערנט מען מיט מיידלעך אויך...

**רבינו:** עס ווענדט זיך וואס דער אייבערשטער פסק'נט.

**הר"ר יוסף:** עס איז דא וואס מען קען לערנען מיט מיידלעך אויך, הל' ברכות, הל' שבת. - די גמרא (סוטה יב.) זאגט, אז מרים האט געזאגט פאר איר טאטע, אז ער איז ערגער פון פרעה. ווייל פרעה לא גזר אלא על הזכרים, און ער האט גוזר געווען אויך אויף די נקבות. פרעה לא גזר אלא לעולם הזה, און ער איז גוזר לעולם

הבא. ווייל אנצוקומען צו עולם הבא, דארף מען אדורכגיין עולם הזה. דאס איז דער וועג.

**רבינו:** די גמרא (סנהדרין קי:) זאגט, מאימתי בן עולם הבא, פון וויפיל יאר ווערט מען א בן עולם הבא? איין מאן דאמר זאגט, משעה שנולד. אויב ער איז געבוירן געווארן, און ער איז געשטארבען, איז ער א בן עולם הבא. איינער זאגט, פון ווען ער ענטפערט אמן. און איין דיעה איז דא, משעה שנזרע. און רש"י זאגט, אפילו מען האט מפיל געווען א קינד, וויבאלד דאס קינד האט געהאט א יצירה אויף די וועלט, איז דאס קינד א בן עולם הבא. עס איז א געוואלדיגער חיזוק ווען מען פארלירט א קינד, מען מיינט אז עס איז גארנישט. מען האט א קינד לעולם הבא.

**הר"ר יוסף:** די קשיא גייט נאר, אז עס שטייט אין די גמרא (בבא מציעא לג.) אז אבידת אביו ואבידת רבו, איז אבידת רבו קודם, שזה מביאו לחיי עולם הבא. לויט דעם, איז דאך אביו אויך מביאו לחיי עולם הבא.

**רבינו:** עס איז נאר א גרמא.

*

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת יאקאבאוויטש שיחיו, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **אברהם יאקאבאוויטש** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שניאור זלמן ברוין** הי"ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יצחק שלמה האפמאן** הי"ו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של נכדו, בן לבנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**, שהתקיים בבית חותנו **הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** ראש ישיבת מונקאטש, ונטל ידיו לסעודה.

במשך שעות הלילה עברו המוני אנשי שלומנו וידידים וקרובי המשפחה, לאחל ברכת מזל טוב לבעלי השמחה ובראשם הסבים האדמורי"ם שליט"א. בסיום הסעודה השמיע הסב **הגה"צ ר"י מונקאטש שליט"א** מדברותיו לכבוד השמחה. אחר כך בירך **רבינו שליט"א** על הכוס, וקראו קריאת שמע כנהוג.

*

***יום חמישי פרשת וארא***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לרגל שמחת הברית מילה לנכדו נ"ו, שהתקיים בבית המדרש מונקאטש, והתפלל שם תפלת שחרית.

בשמחת הברית נתכבדו בין השאר: הסב **הגה"צ ר"י מונקאטש שליט"א** בקוואטער וכסא של אליהו. **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** בסנדקאות. במוהלות שימש אבי הבן **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**. הסב **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** בסנדקאות דמעומד. הסב **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א** בברכות וקריאת השם. ויקרא שמו בישראל '**אליהו בצלאל**', על שם זקינו **הרה"צ רבי אלי' בצלאל טייטלבוים זצ"ל**. - אחר הברית עברו הקהל בסך לפני הסבים האדמורי"ם שליט"א לאחל ברכת מזל טוב בעת שמחתם.

בסעודת הברית נשא דברים אבי הבן **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**, אחר כך נשמעו דברות קודש **מכ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א, ומכ"ק רבינו שליט"א.**

בברכת המזון נתכבד הסב **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**, ובאמירת 'הרחמן' נתכבד **הגה"צ אבד"ק זאליזשא שליט"א.**

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** גמרא (שבת קל.) זאגט, כל מצוה שקבלו עליהם בשמחה, יעדע מצוה וואס יודען האבן מקבל געווען בשמחה, כגון מילה, דכתיב (תהלים קיט-קסב) **שש אנכי** על אמרתך כמוצא שלל רב, 'אמרתך' גייט ארויף אויף מילה, די מצוה פון מילה האט מען מקבל געווען בשמחה. עדיין עושין אותה בשמחה, איז געבליבן די כח השמחה דערויף, אז שטענדיג זענען יודען מקיים די מצוה בשמחה. דוד המלך ווען ער רימט די מצוה פון מילה, זאגט ער, איך פריי זיך מיט די מצוה פון מילה, אזוי ווי א מענטש וואס האט געטראפן א שלל רב, א גרויס פארמעגן.

**און** עס דארף האבן א ביאור צוויי זאכן. איינס, יודען זענען מקיים אלע מצות בשמחה. תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב (דברים כח-מז),

דאס איז טייטש, אז א יוד דארף טון יעדע מצוה בשמחה. וואס איז די נקודה, אז מילה איז עדיין עושין אותה בשמחה. עס איז משמע אז עס איז דא א געוויסע נקודה פון שמחה ביי די מצוה פון מילה, וואס וועגט איבער ביי א מענטש, מער פון אלע אנדערע שמחה של מצוה. נאכדעם דארף מען פארשטיין די ווערטער פון דוד המלך, ער פריידט זיך אויף די מצוה פון מילה, כמוצא שלל רב, ווי ער וואלט געטראפן א גרויס פארמעגן. נאר אזוי סאך פריידט ער זיך, אזוי ווי ער טרעפט א גרויס פארמעגן, נישט מער?! דוד המלך זאגט דאך (תהלים יט-יא) הנחמדים מזהב ומפז רב, ומתוקים מדבש ונופת צופים. עס איז נישט קיין צושטעל ווען מען רעדט פון געלט מיט א מצוה, צו זאגן אז דוד המלך האט זיך געפריידט, ווי ער וואלט געטראפן א מיליאן דאלער. איך ווייס נאכנישט די גרויסע שמחה וואס דוד המלך האט געהאט ווען ער טרעפט א שלל רב, אבער ווי קען מען זאגן, אז די מצוה איז נישט ביי אים מער פון מוצא שלל רב? ער וואלט געדארפט זאגן, שש אנכי על אמרתך 'יותר' ממוצא שלל רב, וואס איז דער 'כמוצא' שלל רב.

**איך** האב געטראכט א געדאנק, עס איז דא א מדרש (שמו"ר נב-ג), [עס איז אויך א גמרא אין מסכת תענית (כה:), אבער אין די גמרא איז דא אנדערע נעמען, און עס איז אביסל אנדערש די מעשה. איך וועל פארציילען די מעשה, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש], אז רבי שמעון בן חלפתא איז געווען א גרויסער ארימאן, און אמאל איז געווען ערב שבת, און ער האט נישט געהאט וואס צו עסן אין שטוב. איז ער ארויסגעגאנגען חוץ לעיר, און ער האט מתפלל געווען, ער האט געבעטן פונעם אייבערשטען, איך האב נישט קיין פרנסה, איך האב נישט מיט וואס שבת צו מאכן, זיי מיר עפעס ממציא. האט מען אים אראפגעווארפן פון הימל א אבן טובה, א טייערע שטיין, ער זאל האבן פון וואס צו מאכן שבת. ער האט גענומען די אבן טובה, און ער איז געגאנגען צו א שולחני, איך וויל פארקויפן די שטיין, קודם דארף איך אפאר גילדן אויף שבת, און איך וועל זיך נאכדעם פארערכענען אויפן שטיין. ער האט איינגעקויפט אויף שבת, און ער האט עס אהיימגעברענגט.

**ווען** ער קומט אהיים, פרעגט אים די רעבעצין, פון וואו האסטו געהאט אויף שבת? האט ער געזאגט, דער אייבערשטער האט מיר געגעבן. פרעגט זי, ווי אזוי האט דיר דער אייבערשטער געגעבן? האט ער נישט געוואלט פארציילען. האט זי געזאגט, איך גיי נישט עסן די סעודה, ביז די דערציילסט מיר וואס עס איז געווען. האט ער נישט געהאט קיין ברירה, און ער האט פארציילט, אז ער איז ארויסגעגאנגען מתפלל זיין, און דער באשעפער האט אים ממציא געווען א טייערען שטיין, און ער האט עס פארקויפט, האט ער געהאט אהיימצוברענגען אויף שבת. האט זי געזאגט, אז זי גייט נישט טועם זיין פון די סעודה, ביז ער זאגט איר נישט צו, אז נאך שבת גייט ער צוריקגעבן דעם שטיין פארן אייבערשטען, און ער גייט נישט נהנה זיין דערפון. דו ווילסט אז דו זאלסט שפעטער זיצען אין עולם הבא מיט דיינע חברים, און זייערע טישן וועלן זיין פול, און פון דיין טיש וועט פעלן? ווען מען האט דיר געגעבן דעם דיאמאנט שטיין, האט מען עס צוגענומען פון דיין טיש אויבן אין גן עדן. איך בין מוחל דעם שטיין, געב עס צוריק. אויב נישט, בין איך נישט נהנה פון די סעודת שבת.

**איז** רבי שמעון בן חלפתא געגאנגען, און ער האט פארציילט פאר רבינו הק' די מעשה וואס ער האט מיט זיין בני בית. האט רבינו הק' געזאגט, גיי אהיים און זאג איר, אז טאמער עס וועט דיר פעלן א שטיין פונעם טיש אויבן אין הימל, וועל איך עס דיר משלים זיין, איך וועל דיר געבן פון מיינע שטיינער, און עס וועט דיר גארנישט פעלן אויבן אין הימל. איז ער אהיימגעקומען, און ער האט פארציילט פאר די רעבעצין וואס רבינו הק' האט אים געזאגט. האט זי געזאגט, אז זי וויל רעדן צו רבי. איז זי געגאנגען צו רבי, און זי זאגט פאר רבי, דו האסט געזאגט אז דו וועסט משלים זיין די שטיין וואס עס וועט פעלן, אין עולם הבא זעהט זיך דען איין צדיק מיטן צווייטען צדיק? ווי די מפרשים טייטשן, וועל איך דען קענען צוקומען צו דיר אין עולם הבא, און בעטן פון דיר אז דו זאלסט מיר משלים זיין דעם שטיין. אין עולם הבא טרעפט מען זיך נישט איין צדיק מיטן צווייטען, אזוי שטייט אין פסוק (קהלת יב-ה), כי הולך אדם אל בית עולמו. בית עולמים לא נאמר, עס שטייט נישט אז מען גייט אל בית 'עולמים', נאר בית 'עולמו', יעדער צדיק האט זיך זיין וועלט, און יעדער גייט צו זיין וועלט. דו וועסט זיין אין א אנדערע וועלט, און איך וועל זיין אין א אנדערע וועלט, איך וועל נישט קענען פון דיר צוריקבאקומען די שטיין וואס פעלט,

און זי איז נישט מסכים. די גמרא זאגט, אז מען האט צוריקגענומען דעם שטיין. און דער נס איז געווען א גרעסערער נס, ווייל אין הימל גיט מען, און מען נעמט נישט צוריק.

**מען** קען פרעגן א קשיא אויף א מעשה, זי איז געווען קלוגער פון רבינו הק׳, און קלוגער פון איר מאן רבי שמעון בן חלפתא? רבי שמעון בן חלפתא האט נישט געוואוסט די גרויסע תורה, אז ווען מען גיט א שטיין פון הימל, וועט אפשר פעלן שפעטער? ער האט אויך געוואוסט וואס עולם הבא איז, און ער האט אויך געוואוסט וואס עס מיינט אז עס פעלט עפעס פונעם שלחן אויבן. וואס האט זי מחדש געווען פאר רבי שמעון? רבי שמעון האט דאס נישט געוואוסט? און רבינו הק׳ האט זיך אנגענומען פאר רבי שמעון, און זי האט געזאגט ניין, זי דארף נישט.

**איך** מיין אז דער פשט דערפון איז, בפשטות איז זי דאך גערעכט, אז מען נעמט א שטיין פון עולם הבא, א וועלט וואס איז א נצחי, און מען גיט עס אראפ אויף די וועלט, איז מען מחליף א עולם עומד בעולם עובר. רבי שמעון וועט דארט זיין שטענדיג אין גן עדן, עס האט נישט קיין שיעור די מספר פון יארן, און מען גיט עס אוועק אויף וואס, כדי ער זאל קענען עסן א בילקעלע שבת, ער זאל האבן וואס צו עסן, וועגן דעם נעמט מען אוועק פונעם טיש אין גן עדן? מען געפונט אין די משנה (אבות ד-יז), אז עס איז יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא, מכל חיי עולם הזה. איין שעה קורת רוח בעולם הבא, איז מער פון גאנץ חיי עולם הזה. און דא נעם איך א קורת רוח פון עולם הבא, און איך גיב עס אוועק נישט פאר ׳כל׳ חיי עולם הזה, נאר צו עסן א סעודה. איז זי דאך זיכער גערעכט, אז זי וויל עס נישט האבן.

**עס** איז אבער דא א צווייטע משנה אויך (שם), יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי עולם הבא. עס איז דא א זאך וואס איז חשובער פון עולם הבא, תשובה און מעשים טובים. ווען א יוד איז זוכה צו זיצן איין שעה אויף די וועלט, און דינען דעם אייבערשטען מיט תשובה און מעשים טובים, איז יפה שעה אחת, איז די שעה בעסער, מכל חיי עולם הבא, פון גאנץ עולם הבא. א סעודת שבת ביי רבי שמעון בן חלפתא, ער זאל מקיים זיין א מצוה פונעם אייבערשטען, סעודת שבת, פאר דעם גיט ער אויף זיין גאנצע עולם הבא. ער האט אויך געוואוסט אז ווען ער וועט נעמען דעם שטיין, וועט ער פארלירן פונעם חיי עולם הבא. אבער אים אינטערעסירט נישט קיין חיי עולם הבא, אים אינטערעסירט נאר צו דינען דעם אייבערשטען. ביי אים איז יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי עולם הבא. האט ער געוואלט האלטן דעם שטיין, אפילו ער פארלירט זיין עולם הבא. ביי מיר איז א מצוה חשוב׳ער פון עולם הבא.

**ער** קען עס אבער נישט מסביר זיין פאר זיין רעבעצין, זי איז דאך נישט אין די מדריגה, אז זי זאל פארשטיין וואס דאס מיינט יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, אז ביי א צדיק איז דער תענוג פון א מצוה אויף די וועלט, מער פון חיי עולם הבא, האט זי עס נישט פארשטאנען. האט זי געזאגט, איך וויל נישט דעם שטיין. אבער ער האט פארשטאנען, אז עס איז חשוב׳ער צו טון א מצוה אויף די וועלט, אפלו עס וועט קאסטען חיי עולם הבא, איז עס דאך כדאי.

**רבינו** הק׳ האט געוואלט ווייזן פאר איר, אז עס וועט איר גארנישט פעלן דארט. רבינו הק׳ ווייסט מען דאך אז עס איז געווען תורה וגדולה במקום אחד (גיטין נט.), עס האט אים גארנישט געפעלט. אויב פאר איין שטיינדל וואס מען האט געגעבן פאר סעודת שבת, האט זי מורא געהאט אז מען נעמט אוועק פון חיי עולם הבא, דארף מען דאך פון רבינו הק׳, וואס עס איז געווען ביי אים כל ימיו תורה וגדולה במקום אחד, אראפנעמען א גרויס חלק לעולם הבא, ווייל ער האט געהאט תורה וגדולה אויף די וועלט. האט רבינו הק׳ געזאגט, פון מיר וועט גארנישט פעלן, איך וועל האבן אזוי סאך דארט, אז איך וועל קענען פאר דיר אויך משלים זיין. דו האסט מורא אז פאר דיר וועט פעלען פון דעם איינעם שטיין וואס מען האט צוגענומען, ווייל דו האסט באקומען איין מאל א סעודת שבת. איך האב תורה וגדולה במקום אחד, און איך וועל האבן אזוי סאך דארט, אז עס וועט זיין געגוג נישט נאר פאר מיר, נאר איך וועל האבן פאר דיר אויך אוועקצוגעבן.

**האט** זי אים געענטפערט, עס איז נישט קיין ראיה פון איינעם אויפן צווייטען. עס איז דא אזעלכע נשמות וואס זייער תיקון אויף די וועלט האט נישט צוטון מיט פלאגן זיך אויף געלט, ביי זיי איז תורה

וגדולה במקום אחד, זיי דארפן עפעס אנדערש אויפטון אויף דעם עולם. עס איז דא אזעלכע וואס דער אייבערשטער גיט זיי אז זיי האבן נישט, רבי שמעון בן חלפתא האט נישט געהאט, זיין עבודה האט געדארפט צו זיין אויף דעם אופן. און יעדער איינער האט א אנדערע עולם הבא אויבן אין הימל. איינער האט עולם הבא כאטש ער האט געהאט תורה וגדולה, און ביי איינעם קען נישט זיין תורה וגדולה במקום אחד. כי הולך אדם אל בית עולמו, יעדער גייט צו זיין עולם, יעדער האט זיך זיין חלק וואס ער דארף אויפטון אויף די וועלט. און וואס פאר דיר איז גוט, מיינט נאכנישט אז פאר רבי שמעון בן חלפתא איז גוט. וועגן דעם האט זי נישט געוואלט צונעמען דעם שטיין, און זי האט געהייסן אז מען זאל עס צוריקגעבן[ב].

**תמצית** הדברים, אז מען זעהט ווי חשוב עס איז געווען ביי רבי שמעון בן חלפתא ער זאל טון א מצוה פארן אייבערשטען, אז ער איז געווען גרייט מוותר צו זיין אויף חיי עולם הבא, ער זאל באקומען א אבן טובה פונעם אייבערשטען פון זיין חלק לעולם הבא, כדי ער זאל קענען טון א מצוה אויף די וועלט. אפילו ווען מיר זענען מקיים א מצוה, זענען מיר נישט אין די מדריגה אז מיר זאלן מוותר זיין אויף עולם הבא, כדי צו טון א מצוה. אבער אויף מצות מילה האט דער אייבערשטער אריינגעגעבן אזא כח, מען האט עס מקבל געווען מיט אזא שמחה, אז עס איז עדיין עושין אותה בשמחה, מען איז מקיים מצות מילה מיט אזא שמחה, אז עס איז דא דער יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי עולם הבא. די נקודה, אז עס זאל זיין חשוב ביי א יוד א מצוה וואס ער טוט, אז עס ביי אים מער פון גאנץ עולם הבא, די כח איז דא אין מצות מילה, וואס דער אייבערשטער האט געגעבן. ווייל וויבאלד מען האט עס מקבל געווען בשמחה, איז עדיין עושין אותה בשמחה.

**אויף** דעם האט דוד המלך געזאגט, שש אנכי על אמרתך, איך פריי זיך אויף די מצוה פון מילה, כמוצא שלל רב, אזוי ווי רבי שמעון בן חלפתא, וואס ער האט געטראפן א שלל רב, ווייל פאר אים איז כדאי געווען אוועקצוגעבן א חלק פון עולם הבא, אלץ דעם יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, אזוי איז א יוד זוכה ביי מצות מילה, אז עס איז דא דער חלק פון שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב. די שמחה של מצוה וואס א יוד האט, ווען ער איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, עס איז ביי אים אזא געוואלדיגע שמחה, אז עס איז ביי אים יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא[ג].

**מיין** זון רבי יהושע האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, וויל איך אים אנוואונטשען, אז אזוי ווי ער האט אים מכניס געווען

[ב] **הערה מכתי"ק:** וביתר ביאור, כי הא דמנכין משכר הנאת עולם הבא, בשביל שנטל כבר חלקו בעולם הזה, היינו אם האדם נהנה ממנו הנאת הגוף, אז מנכין הנאה ההוא מההנאה הצפונה לו לעולם הבא. אבל רבינו הקדוש, שבשעת פטירתו זקף עשר אצבעותיו כלפי מעלה, ואמר רבונו של עולם גלוי וידוע לפניך וכו' שלא נהניתי אפילו באצבע קטנה (כתובות קד.), אין לנכות לו כלום עבור שהיה לו עושר וכבוד, כי לא נהנה ממנה אפילו באצבע קטנה, ולא יחסר לו דבר מהנאת שכרו בעולם הבא. ועל דרך זה רמז זאת רבינו הקדוש לאשת רבי שמעון בן חלפתא, שאין לה לחוש כלל שיחסר משכרם לעולם הבא, כי אכילת סעודת שבת של בעלה היא אכילה גבוה, ולא לשם הנאת גשמי, אלא הנאה של מצוה ועבודת ה', ובזה אין ניכוי שכר כלל לעולם הבא.

[ג] **הערה מכתי"ק:** ובזה נראה ליתן טעם לשבח על מה שנוהגין לעשות סעודה לכבוד המילה, גם בלילה שלפניה (הנקרא וואכנאכט). והוא על פי מה שכתוב **בתורת משה** (שמות ד:) במה שאמרו (חולין פג.) דבישראל היום הולך אחר הלילה, ובקדשים הלילה הולך אחר היום, דהרמז בזה, דהרי יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה, נמצא כל חיי עולם הזה הבל מעשה תעתועים חשך ולא אור, לולי אנו מצפים ומקוים לדבקה בו באחרית, כי הוא חיינו ואורך ימינו, למען נשיג לבסוף לחיי העולם הבא, נמצא היום הולך אחר הלילה של עולם הזה. אך בקדשים הרומז על קדושי עליונים צדיקים גמורים, יפה להם שעה אחת בתורה ומעשים טובים בעולם הזה לעשות נחת רוח ליוצרו מכל חיי העולם הבא, וכשמגיע זמנו להפטר מן העולם, אף על פי שיודע שיכנס לאור עולם, הרי בעיניו כהולך מאור לחושך, כי אינו יכול לעשות רצון קונו עוד, נמצא באותן הצדיקים הוה בוקר ואחר כך ערב ע"כ.

ולכן הגם שבדרך כלל העולם הזה היא לילה, אבל בקיום מצות מילה שזוכה להרגיש אז האושר שיש בשעה אחת במעשים טובים בעולם הזה יותר מכל חיי העולם הבא, הרי הלילה כיום יאיר אצלו. וזהו שמרמזין במצות מילה שמתענגין אנו בהלילה של עולם הזה, כמו בהסעודה של היום, שרומזת לחיי העולם הבא, כי אדרבה בקדשים הלילה הולך אחר היום.

בבריתו של אברהם אבינו, ער האט מקיים געווען די מצוה אזוי ווי מען האט פריער געדערט, מיט די מדה פון שמחה וואס יעדער יוד האט בשעת מען איז מקיים די מצוה פון מילה, וואס די שמחה איז דעמאלטס העכער פון אלע אנדערע שמחה של מצוה. כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אזא סארט שמחה זאל קענען ווייטער נמשך ווערן. ער זאל קענען מגדל זיין דאס קינד לתורה ולחופה ולמעשים טובים, און ער זאל זעהן אסאך נחת דקדושה ביי דעם קינד, און ביי אלע קינדער. דער מחותן זאל זיין געזונט, זאל זעהן אסאך שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און פארן רבי'ן וויל איך וואונטשען, בנים ובני בנים בני שלשים ובני רבעים, מיט אסאך געזונטע כוחות קענען מרחיב זיין די גבולי קדושה, און פירן די עדה בבריות גופא ונהורא מעליא. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **הערש מאיר אייזיקאוויטש** הי"ו ובניו שישבו שבעה על פטירת בנו-אחיהם הר"ר **חיים לייב אייזיקאוויטש** ע"ה.

***<u>מתוך השיחה:</u>***

**רבינו:** עס איז דא א לשון אין **רמב"ם** (**אגרת הרמב"ם**) אשרי מי שחתמו ימיו במהרה. וואיל איז פאר א מענטש וואס איז זיך משלים אין א קורצע צייט. ער איז נישט א רחמנות, די וואס בלייבן דא, די זענען די רחמנות.

**א' האבלים:** דער קיוויאשד'ער רב זאל זיין געזונט האט געזאגט ביי די לויה, וידבר אלקים אל משה ויאמר אליו אני ה' (שמות ו-ב), וידבר אלקים, פאר די עלטערן איז עס מדת הדין, אבער ויאמר, אליו אני ה', פארן נפטר אליין איז שוין מדת הרחמים.

**רבינו:** ביי משה רבינו אליין איז אויך אזוי געווען. ער האט געפרעגט למה הרעותה לעם הזה, אויף קישוי השיעבוד. קישוי השיעבוד איז געווען גוט פאר יודען, דורכדעם זענען זיי ארויס פאר די צייט. אבער פאר אים האט מען געזאגט עתה תראה (שם ו-א), ולא במלחמת ל"א מלכים. וידבר אלקים אל משה, פאר דיר איז די שאלה וואס דו פרעגסט מדת הדין, אבער פאר יודען וועט עס זיין אני ה', מדת הרחמים, ווייל דורכדעם וועט מען פריער ארויסגיין פון מצרים.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל בני הר"ר **חיים לייב אייזיקאוויטש** ע"ה.

אחר כך עלה **רבינו שליט"א** לביקור אצל ש"ב **הגה"צ רבי משה מנחם ווייס שליט"א** דומ"ץ פאפא ב"פ - אב"ד סאטמאר לאנדאן.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת וארא</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הרב **שמואל פערלמאן** שליט"א. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***<u>שבת קודש פרשת וארא</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי זושא מאניפולי זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ב' שבט). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת יארצייט של חמותו הרבנית מוואדקערט ע"ה, שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.